## שלום עליכם.

# מילכיגס
## און אקדמות.

אדעס, תרע"ט.

פערלאג „ליטעראטור".

446

Печатано въ тип. „Техникъ“, Екатерининская, 58

# מילכיגס.

(אַ מאָנאָלאָג פֿון אַ כתרילעווקער פּרעסער).

---

אַ חכם, הערט איהר, איז געווען דער, וואָס האָט איינגעפיהרט אַ מנהג, אַז שבועות אין דער פר.ה זאָל מען עסען מילכיגס. וואָרום, לאָמיר זיך ניט נאַרען, וואָס קאָן זיין בעסער און פרישער און זיסער און געשמאַקער, און וועלוועלער פון מילכיגס? אמת, צו מילכיגס בעדאַרף מען אויך האָבען געלד, נאָר ווי קומט דאָס צו פליישׁ? ביי פליישׁ איז פאַרהאַן פליישׁ און פאַרהאַן ביינער; און מילכיגס האָט אין זיך מילך, און קעז, און פוטער, און סמעטענע, און פיך-סמעטענע, און זויערמילך און סיוואָראָטקע... היינט נעהמט די מאכלים, וואָס מען מאַכט פון פליישׁ, און די מאכלים, וואָס מען קען מאַכען פון מילכיגס. פון פליישׁ האָט איהר אַ יוך, אַ ראָסעל-פליישׁ, און עסיג-פליישׁ, אַ געבראָטענס און שוין... פון מילך אָבער האָט איהר קאַשע מיט מילך, לאָקשען מיט מילך, רייז מיט מילך, און טייגעלעך מיט מילך, און באַלאַבעשקעס מיט מילך, און פאַרפעל מיט מילך, און גלאַט מילך; היינט די מאכלים פון קעז און פוטער האָבען דען אַ שיעור? בערעכענט נאָר: קרעפּלעך און וואַרעניקעס און וואַרניטשקעס, און אַ קוגעל, און אַ מאַהינע, און אַ טייגעכץ, און קנישעס און מנישקעס, און בלינצעס, און צרות-קניידלעך, און קאַשניקעס, און ווערטליקעס, און ווערטוטען, און וויפיעל איז פאַרהאַן מאכלים, וואָס מען קאָן זיך ניט אָנגעדענקען! למשל: קאָרוש מיט קעז, מאַסליטשענעק קאַשע, און פיש געפרעגעלטע אויף פוטער, און אַ באָרשט אַ מילכיגער, און ראַזשענקע, און מאַסלינקע — אַלץ אַזעלכע

פּאָטראַוועס, וואָס קיינער זאָגט זיך פון דעם ניט אָפּ, סיידען שוין גאָר איין אָבגעריסענער נאַר, וואָס מען בעדאַרף איהם געבען קיין שטרוי...

וואָרום איך, מען זאָל מיך אויפּיועקען אין מיטען נאַכט און מיר דערלאנגען מילכיגס, איז אַבי איך בין נאָר ניט פלייִשיג, איז מיט'ן גרעסטען כבוד! למאי זאָל איך לייקענען? איך האלט פון מילכיגס און ניט אַזוֹ איך, ווי „זי". ביי אונז אין כתרילעווקע הייסען מיר די „פּרעסערס", חאָטש עסען עסען מיר גלייך מיט אַלע יודען, דאָס הייסט קדחת אין אַ קליין טעפּעלע. אַ די קשיה פון וואַנען נעהמט זיך דער נאָמען „פּרעסערס"? לאָז מיך אַזוי ווייסען בייז! עס קאָן זיין עס נעהמט זיך דערפון, וואָס מיר האָבען ליעב רעדען פון עסען! למשל, איך אליין האָב ליעב אַרויסצוגעהן אין מארק און שטעהן ביי די פיש. פיש איז ביי מיר דאָס חיות. פאַר פיש וואָלט איך אוועקגעגעבען מי יודע וואָס! און אפשר נעהמט זיך עס פון דעם, וואָס מען עסט ביי אונז אַ סך ברויט. למשל, ביי מיר געהט אַוועק קיין עין הרע אַ סך מעהל אויף שבת, וואָרום ס'איז פאַרהאַן ביי מיר, ניט צו פערזינדיגען, ווער עס זאָל קיינען, איך האָב, זיי זאָלען לעבען און געזונד זיין, דריי פערטיל טוץ, און אַלע, ברוך השם, האָבען אַפּעטיט צום עסען, מען דאַרף מיט זיי חלילה צום רבי'ן ניט אָנקומען, ביים דאָקטאָר קיין עצות ניט פרעגען, הלואי וואָלט נאָר געווען וואָס צו עסען, וואָרום איך בין לא עליכם נישט פון די גרויסע נגידים, דאָס הייסט חלילה נישט קיין אָרימאַן, נאָר קיין גביר אַודאי ניט! איך בין אַליין אַ קרעמער בין איך, מאָלט אייך, אַ קראָם ביי מיר אויף אַלע יודישע שונאים! ס'איז נאָר איין אויסרייד, ניט קיין קראָם; איך בעדאַרף זי האַלטען צוליעב דעם קרוב, די קראָם הייסט עס. איך האָב, פאַרשטעהט איהר מיך, מיין אייגענס אַ קרוב, אַ רייכען, פון „איהר" צד, זיין פאָטער און איהר מוטערס מוטער זענען געווען אייגענע געשוועס-

טער־קינדערלעך; אפילו א ווייטליכער קרוב, נאָר דאָך א קרוב. ער איז א יאמפעלער איז ער, דאָס הייסט ער זיצט אין יאַנפעלע און רעכענט זיך דאָרט צווישען די גבירים, דאָס הייכט אַמאָל האָט ער זיך גערעכענט גאָר צווישען די גרויסע גבירים, היינט איז ער א ביסעל דאַסיג, איך מיין פאררדרעהט... נאָר פון דעסטוועגען געהער זיך ניט אָן איינם מיט'ן אנדערן, זיין שאָרען אויף מיר געזאָגט געוואָרען. וואָס ער צאָהלט איבער נאָך היינט א יאָהר פראָצענט — וואָלט געווען גענוג פאר אונז ביידען...

קומען מיר היינט עס אמאָל צו איהם אויף קבר־אבות, אמאָל איך, א מאָל „זי". מען ווייגט זיך אוים אביסעל, ביזוערט ער זיך אפילו, וויל ניט ליידען, נאָר עס העלפט איהם ווי דער פאראיאָהריגער שניי. ער מוז, ער מוז געבען, נישט געלד — איז כחורה, נישט סחורה—איז א וועקסעל. ער האָט דען איין אנדער ברירה? וואָרום „זי", אז זי צעוויינט זיך, איז מען גערען אז זי הערט אויף: „נא דיר, הייסט דאָס, אבי וויין ניט!"... אז זיי דערזעהען זי פון דערווייטען ווערט זיי צעהן לעבער אין הארצען. זיי פרובען זיך מיט תירוצים: „מען איז ניטא אין דער היים, אוועקגעפאָהרען פון יאמפעלי, שטארק פארנומען" — בלאָטע! ווי א טויטען באנקעס! „אונזערם" מוז אָבגעגעבען ווערען גאָר אָהן א שום תירוץ!... נאָר וואָס זאָלט איהר קלעהרען? ס'איז אודאי נישט גוט, אז מען דארף אָנקומען צו־נ־א מענשען, נאָר וואָס זאָל מען טהון? ווי זאָגט מען דאָס: כל זמן שהנשמה בקרבי איז רייב מאָטי! א מענש כל זמן ער לעבט דארף ער עסען.

שייך זאָגען עסען? נישט צוליעב דאָס עסען לעבט א מענש. א מענש איז דאָך ניט קיין בהמה, א בהמה איז בהמה, און א מענש איז א מענש, און א מענש אז ער וועט ניט עסען פון וואנען וועט ער לעבען? אט דערפון אליין קאָנט איהר שוין פארשטעהן, אז מען האָט א ווייב מיט קיין עין הרע ניין פיקערס, בעראָף

האָבּען אַ שעֶן פּנים אַ ברויט אָדער אַ בּולקעֶ, אַז מען לעגט אַוועק אויפ׳ן טיש. און אפילו אַ שיסעל קאַרטאָפּעל, זי מעג זײַן מיט אַ בּאַרג, איז גענוג אײן פערטיל שעה, ס׳זאָל ניט בּלײַבּען קײַן שריד ופליט גלײַך ווי ס׳איז גאָר קײנמאָל קײַן קאַרטאָפּעל ניט געווען אויף דער וועלט אפילו! ס׳איז אַ מחיה צו קוקען, זאָג איך אײַך, ווי מען עסט קײַן עין הרע בּײַ מיר. איך האָבּ ליעבּ צו זעהן ווי זײַ עסען, איך האָבּ דערפון פערגניגען. און ווער שמועסט פרײַטאָג, אַז מען נעהמט אַרויס די פרישע שמעקענדיגע חלה פונ׳ם אויווען, רוף איך צונויף מײַן חברה און זאָג זײַ: „קינדער, ראַטעוועט!" — זאָלט איהר זעהן ווי מען ראַטעוועט — מחיה נפשות! און אַז גאָט העלפט ס׳איז פאַרהאַן צו דער פרישער חלה אַ ראָסעל פלײשעל, אַ הײס מיט קנאָבּעל און מיט „סאָוועסט", מיט יויך הײסט עס, נעווײנטליך מעהר יויך ווי פלײש. מען קאָן זאָגען כמעט סאַמע יויך, דעמאָלט קאָן מען טינקען און טונקען — און נישקשה מען איז בּרוך השם גאַנץ צופריעדען, וואָרום וואָס טהוט מען חלילה אַז ס׳איז דאָס אויך נישטאָ? האָט מען אַ בּרירה דעמאָלט עסען חלה מיט בּרויט, דאָס הײסט איך האָבּ געוואָלט זאָגען בּרויט מיט חלה, אַ בּיס בּרויט אַ בּיס חלה, און גלויבּט מיר — פאַר אַ הונגעריגען מאָגען איז דאָס אויך אַ מאכל; והראיה נעהמט לימאָנאַד, איהר האָט וועגן געגעסען בּרויט מיט לימאָנאַד? קײנמאָל ניט? פאַרזוכט אַ מאָל אויף אַ ציקאַווּעס, נאָר בּתנאַי איהר זאָלט זיך פריהער רעכט אויסהונגערען, אַזוי אַז ס׳זאָל אײַך חלש׳ען דאָס האַרץ, ציטערען די הענד און ציהען די אָדערען פון די פיס, וועט איהר דעמאָלט בּנאמנות פיהלען טעם גן־עדן. אַזוי שטיפעלט דאָס אפילו בּײַם צונג, ווי געווײנטליך לימאָנאַד, נאָר אַז מען איז הונגעריג, און מען עסט דאָס מיט בּרויט, איז דאָס אַ מאכל מלכים!

איך זעה, איהר חדוש׳ט זיך, וואָס איך בּין אַזוי קלאָהר אין „הלכות אכילה"? איך האָבּ דאָך אײַך געזאָגט, אַז בּײַ אונז אין

כתרילי־וויקע הײם איך פון די פרעסערס, דערפאַר פערשטעהט איהר מיך, וואס איך גערה מיט דעם גאנג, אז אַ מענש לעבט איין מאָל, ניט קײן צוויי מאָל, און אַז מען עסט אַ גאַנצע וואָך מכות און שבת קדחת, דאַרף מען זעהן חאָטשע יום־טוב זיך אָנטהון אַ ביסעל וואוילטאָג. וואס זאָגט איהר, ניט אַזוי? דעריבער אַז עס קומט ביי מיר שבועות, מעג זיך איבערקערעדרען די וועלט. פאַרהאַן פאַר וואס, צי ס׳איז ניטאָ פאַר וואס. — אַ מילכיגע סעודה דאָס מוז זײן גאָר אָהן אַ שום תירוץ! קודם כל ציקאָריע מיט מילך, דאָס איז שוין אַ חוק ולא יעבור, ווארום „זי״ אַז עס קומט שבועות־צײט הויבט איהר שוין אָן צו ציהען, זאָגט זי, דאָס האַרץ נאָכ׳ן גלעזעל ציקאָריע! דאָס גלעזעל ציקאָריע איז ביי איהר, זאָגט זי, טײערער פונ׳ם גאַנצען מילכיגס! מאָלט אײך, לאָז זיך אײך דאַכטען, אַז ס׳איז נור גערעדט אַזוי; ווארום נאָכ׳ן גלעזעל ציקאָריע ווילט זיך נאָך עפּעס, למשל בארשט. איך מײן דעם שענעם גרינעם מילכיגען שבועות׳דיגען בארשט, וואס מיט באָטווינע, מיט ציבעלקעלעך און מיט יונגע בארעקלעך פאַרבראָקט און מיט סמעטענע פאַרווײסט, אַ כפרה הערט איהר אַלע עסענס פאַר איין מילכיגען בארשט אַ גוטען! ביי אונז אין געמײנעם גראַד, ווען עס זאָל חלילה נישט זײן קײן בארשט, וואָלט מען געווים נישט אויסהאַלטען יודישקײט, ניט פסח, ניט שבועות! דער חלוק איז נור אין דעם, וואס צו פסח׳דיגען בארשט מוז מען האָבען אַ שטיקעל פלײש, אָדער אַ בײנדעל, אָדער אַ לעפּעל שמאַלץ. און צום שבועות׳דיגען בארשט בעדאַרף מען נישט דאָזען גאָרנישט ניט! איז פאַרהאַן אַ קאָפּ מילך אויף צו פאַרווײסען דעם בארשט איז גוט, אלא ניט מוז מען זיך בעגעהן דערמיט. וואס ער איז געקאָכט אין אַ מילכיגען טאָפּ, ווארום מײן חאַליאַסטרע, קײן עין הרע, מען זאָל זיך צו זײ וועלען צולאָזען און געבען חליעפּעשען רײנע מילך, איז ניט שײך צו זאָגען אַ ציג, — דרײ ציגען וואָלט געווען ווינציג, און מיר בסך הכל פאַר[illegible] אונזער אַנגענם

אַ האַלבּע ציג, מיר האָבּען הײַסט דאָס בּשותּפות מיט אַ שכן אַ ציג האָבּען מיר. אַ ווילדע זאַך, זי געהט בּײַ אונז אלע מאָל אין שאָדען און מיר האָבּען פון איהר אָבּגעשניטענע יאָהר! ניט לאַנג האָט זי זיך מישב געווען, די ציג הײפּט עס, און הערט זיך גאָר אויף צו מעלקען, דאָס הײסט מעלקען מעלקט זי זיך, נאָר קײַן מילך גיט זי ניט, הײַנט געה ציה אַרוים פון אזאַ חיה קרעפּלעך מיט וואַרעניקעס! אוי, זאָג איך צו מײַן ווײַבּ, קרעפּלעך! איך וואָלט אַוועק געגעבּען, זאָג איך, פאַר מילכיגע קרעפּלעך אָדער וואַרעניקעס איך ווײס אַלײן ניט וואָס! טאָמער וואָלסט דו טאַקי געזעהן, שׂרה זיסעל, ס'זאָל זײַן, זאָג איך, קרעפּלעך אם ירצה השם אויף שבועות!.. מאַכט זי צו מיר: „פון וואָס למשל?" זאָג איך: „דערויף בּיזט דו דאָך עפּעס אַ בּעל־הבּית'טע בּײַ מיר", זאָגט זי: „צו קרעפּלעך בּעדאַרף זײַן אײער, דאָס ווײסט דו?" זאָג איך: איך ווײס, פאַרוואָס זאָל איך ניט וויסען? אַ קונץ, זאָג איך, צו מאַכען קרעפּלעך מיט אײער; ווײַז אַ בּריה־שאַפט אָהן אײער! זאָגט זי: „חכם בּלילה! וואָס זשע טהוט מען מיט קעז?" זאָג איך: מיט קעז וואָלט שוין געווען נישקשה, שלעכט איז וואָס אָהן קעז. זאָגט זי: „הײַנט וואָס זשע ווילסט דו?" זאָג איך: וויל איך זאָלסט האָטש מאַכען רעטשענע וואַרניטשקעס. זאָגט זי: „צו וואַרניטשקעס דאַרף מען פוטער". זאָגט איך: וואו שטעהט דאָס געשריבּען? אין ספרי פּראַלניק? זאָגט זי: „דו דאַרפסט בּעסער וויסען וואו עס שטעהט געשריבּען, דו האָסט געלערענט אין חדר". זאָג איך: ווײסט דו וואָס, מײַן ווײַבּ, וואָס איך וועל דיר זאָגען? אזוי ווי מיר האָבּען נישט קײַן אײער און ניט קײַן קעז און נישט קײַן פוטער, טאָ לאָמיר האָטש אזוי אַבּיסעל רעדען פון מילכיגס. וואָס וואָלסט דו כּדומה למשל געמאַכט אויף שבועות צו דער סעודה, ווען דו זאָלסט אַ שטײַגער יאָ האָבּען מיט וואָס? זאָגט זי: „צײַט איך לעבּ האָבּ איך ניט געזען אַ מענש זאָל אזוי זײַן אַרײַנגעטהון אין דער אכילה!" זאָג איך:

„וואָס וועט דיך אַרען, אַז מיר וועלען אַביסעל רערען? עס קאָסט דיך געלד? לאָז זיך דיר דאַכטען אַלעהײַ דו האָסט אַלסדינג, אי קעז, אי פּוטער, אי אײַער—וואָס פאַר אַ מילכיגע סעודה וואָלסט דו מיר דענסטמאָל מאַכען?“... זאָגט זי: „וואָס וואָלסט דו וועלען איך זאָל דיר מאַכען“? זאָג איך: אַ טײַגעכץ... זאָגט זי: „אַ זולף וסובאַ׳ניק דאָס איז! אַ טײַגעכץ נעהמט צו די גאַנצע פּוטער“... זאָג איך: לאָז זײַן אַ מאַהינע... זאָגט זי: „וואָס עפּעס אַ מאַהינע?“... זאָג איך: ווילסט ניט קײַן מאַהינע, לאָז זײַן קנישעס... זאָגט זי: „מיט וואָס? מיט קאַשע?“... זאָג איך: ס׳אַ משל! מיט קאַשע איז דאָך עס שוין קאַשניקעס!... זאָגט זי: „ווערדיג דײַן מאַנסביל׳שער קאָפּ פאַרטראָגט, קומט אויס בײַ דיר קאַשניקעס“... זאָג איך: מכתמא פאַרשטעהסט דו בעסער, איך וויל זיך מיט דיר ניט שפּאַרען... איך האָב פאַר־געסען, זאָג איך, רעכענען פּיש נעפּרעגעלטע אויף פּוטער, ווי מײַנסט דו?... זאָגט זי: „אַלסדינג ווילט זיך איהם! מײַנסט אודאי קאָרעש־לעך?“... זאָג איך: עס מעג זײַן קאַרפּ, און עס אַרט מיך ניט קײַן שלײַען, און מיט העכטלעך, זאָג איך, וועט מען זיך אויך ניט סמ׳ען, און אַפילו טאָמע־ חלילה פלאָטוויצעס וועל איך דיר אויך קײַן גט נישט געבען, אַבי ס׳זאָל זײַן, זאָג איך, גוט נעפּרעגעלט... זאָגט זי: „אַ טרפה׳נער האַלז דאָס איז! איך האָב מורא דו וועסט זיך ניט אָפּזאָגען פון געקאָכטע פּעפּעריגע רויג מיט קאַרטאָפּעל“... זאָג איך: אָך! מיט׳ן גרעסטען כבוד! אַבי ס׳זאָל זײַן, זאָג איך, נאָכרעם גוטע מנישקעס... זאָגט זי: „אַ קישקע אָהן אַ דנאָ! בלינצעס קערכט דו מײַנען!“... זאָג איך: נײַן, בפירוש מנישקעס! בלינצעס איז זיך בלינצעס און מנישקעס איז מנישקעס! מנישקעס דאָס איז אַזאַ מין מאכל, זאָג איך, וואָס האָט אַ טעם פון צרות־קנײדלעך. וואָלסט מ׳בען צרות־קנײדלעך, זאָג איך, צי אפשר גלאַט קנײדלעך מיט מילך?“ זאָגט זי: „איהם איז קנאַפּ די וועלט! איך וואָלט דיר אפשר מאַכען אַ מילכיגען קאָליש?...“ זאָג איך: מײַנסט אודאי מיט

האָלעשקעס אָדער מיט באַלאַבעשקעס?... זאָגט זי: „באַלאַבעשקעס? פע! אַ קבצנ'ישער מאכל!...“ זאָג איך: ביסט דו די גרויסע גביר'טע אַ פּנים?... זאָגט זי: „קיין גבירטע בין איך ניט, האָב איך חאָטש אַ משפחה אַ רייכע“... זאָג איך: אַ כּך האָסט דו פון דיין משפּחה!... זאָגט זי: „מעהרער ווי דו פון דיין משפּחה אַודאי!“...

בקצור מיין משפּחה, דיין משפּחה, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ווי געוויינטליך מאַן און ווייב אַז זיי צעווערטלען זיך, מען צעקריגט זיך, און מען בעט זיך גיך איבער, וואָרום עס איז דאָך יום-טוב, שבועות אויף דער וועלט! און שבועות איז דאָך דער בעסטער ליעבסטער יום-טוב פון אַלע ימים טובים, וואָרום וואו האָט איהר נאָך אַזאַ ליעבע, זיסע, געשמאַקע זאַך ווי אַז מען איז פריהער אַ גאַנצע נאַכט אויף, מען זאָגט זיך אָן ווי אַ פייק מיט תּקון שבועות, מען געהט דורך פאַוואָליגקע אַלע תּרי"ג מצות, די גאַנצע תּורה הייסט דאָס, און מען שטעהט אויף גאַנץ פריה פונ'ם תּקון שבועות און גלייך אין שוהל אַריין. און דאָרטען אויפ'ן ניכטערען האַרצען הערט מען זיך דאָס אָן אַ ביסעל פונ'ם שענעם אקדמות יענע טהיי-ערסטע מאכלים, פונ'ם לויתן מיט'ן שור הבר, וואָס הקדוש ברוך הוא האָט אַליין אָנגעגרייט פאַר זיינע יודעלעך אין גן-עדן, וואָס מיינען וועלען דאָרט פליסען בוימעל, און דער אַלטער מהייערסטער ווייַן שטעהט שוין דאָרטען פון ווען אָן פאַרקאָרקעוועט אין די פלעשער און וואַרט, וואַרט אויף אונז... ס'איז דאָך ניט שייך צו זאָגען! וואו האָט איהר נאָך אַזאַ אומה ולשון ווי יודען מיט אַזוי פיעל גוטע זאַכען ווי ביי יודען?... ס'איז נאָר אַ גריזאָטע — כ'לעבען, וואָס מיר האָבען מעהר ניט ווי איין מאָל אין יאָהר שבועות!... האָט איהר ניט ביי זיך אַ סיגאַרעטעל?...

# אקדמות.

(אַ געזאַנג לכבוד שבועות).

---

אַקדמות מלין עֶה איך הויב׳ אָן צו רעדען ושריות שותא און בעָגעָהר צו שפּרעָכען!... אַזוי זינגט זיך גאנץ-געשמאַק אַ קליין אויסגעָדאַרט יודעָל, וואָס שטעָהט מיט אַ געָלען טלית איבער׳ן קאָפּ ביז׳ן שפּיץ יארמעָלקע אין בית המדרש צווישען מזרח וואַנט און צווישען שפּיגעל באַנק, נעָבען אַ סטענדער, אויפגעהויבען בײדע העָנד, די אויגען פּעָרגלאָצט אַרויף, שאָקעלט זיך מיט׳ן גאַנצען גוף אַלע מאָל מיט אַ שפּרונג אונטער און מיט אַ טעָנציל, און דאָס געָלע פּאַרמעָט־פּנים בעת מעשה לויכט איהם אָקעָגען דער זון, וואָס קוקט אַרײן מיט איין שטראַהל דורכ׳ן אָפעָנעָם פענסטער פונ׳ם בית המדרש, און דאָס איינציגע-אַקאַציע־בוימעָלע אויף דער שוהל גאַס, וואָס האַלט אין רעָכטען בליהען, שיקט אַרײן אַ געשמאַקען זיסען ריח גלײך צו די יודען אין גאַנז אַרײן, ווי אײנער רעדט: „שמעקט, יודישע קינדער, איהר אויך, פון מײנע בשמים און האָט אויך הנאה פון גאָטס וועלטיל״...

איהר ווײסט ווער איז אָט דאָס יודעל וואָס זינגט דעם „אקדמות״ מיט אזא חדוה, מיט אזא התלהבות? ס׳איז יהושע העָשיל. איהר קענט איהם, איהר קעָנט איהם זעהר גוט. דאָס איז פון די יודען וואָס איהר בעגעָגענט זײ נאָר לויפענדיג, האָבען קײן מאָל קײן צײט ניט, תמיד זעָנען זײ פערהאָוועט אין פּרנסה, און זײער פּרנסה איז דאָס אומשטײנס געזאָגט ווינט. מען לעבט

פונ׳םווינט. פאר אזעלכע מענשעלעך איז די וועלט א יריד און זיי זענען געקומען א הער אויפ׳ן יריד שמעקען, אויסשמעקען טאמער וועט מען עפעס קאנען חאפען . . . אזעלכע מיני סוחרים ווייסען אליין ניט, וואס טהוען זיי דא אויפ׳ן יריד? זיי ווארפען זיך אויף אלסדינג וואס סע קומט זיי פאר די אויגען קויפען און פערקויפען מיד ליד, פערדינט, דערלעגט—און אראפ פונ׳ם מארק, א רענדיל אראפ א רענדיל ארויף, אבי אויסגעהאנדעלט זיך שען, חלילה נישט פערגומען קיין פרעמדם... אט אזא סוחר אז ער האפט זיך אויף דעם לעצטען טאג פונ׳ם יריד און דערמאהנט זיך, אז ער האט געפטר׳ט וואו ער האט געהאט א גראשען, טהוט ער זיך א שמיר מיט דער יהאנד איבער׳ן פנים פון אויבען אראפ און א זאג צו זיך אליין: „האבען מיר שוין ברוך השם אפגע־פטר׳ט דעם יריד אויך: אצינד בעדארף מען לויפען ערגעץ חאפען א גמילות־חסד אויף צוריקוועגס"...

אט פון דעם מין יריד־לייט איז אונזער העלד יהושע העשיל.

וואס איז זיין געשעפט ווייס איך ניט. דאכט זיך א יודי א מעקלער, א שליח, א שטיקעל שדכן, דאס הייסט ניט קיין שדכן פון די שדכנים וואס שרייבען בריוועלעך און שלעפען קערבע־לעך, נאר גאר־נישט, אז עס מאכט זיך א מאל אויספיהרען א שידוך מהיכי־תיתי, פאר וואס נישט? ווער זאגט זיך דאס אפ פון א זייטיגען רובל? איך קען א סך דאמען „אריסטאקראטקעס" וואס אז זיי שמעקען אן ערגעץ א בחור געהט ארום מיט א מיידעל און סע דאכט זיך זיי אויס אז ס׳איז גלייך, ווארפען זיי אוועק אלע געשעפטען און נעהמען זיך צו דער ארבייט, טהוען אלסדינג ס׳זאל ווערען; סע פערשטעהט זיך זיי טהוען דאס מעהר לשם מצוה, אדער דיפלאמאטיע, אדער פשוט ווייל זיי האבען נישט וואס צו טהון... נאך יהושע העשיל איז ווייט פון אזעלכע זא־כען, ער אז ער פאלט א מאל אויף א גלייכ אז נאר צוליעב

דעם וואס ער מיינט טאָמער וועט ער דאָ עפּעס חאַפּען. אי עס
לאָזט זיך אויס אַ בוידעם? דען דאָס וואָס ער מיינט ס'איז גלייך
ווי אַ סטרונקע איז גאָר קרום ווי אַ קאָטשערע — וואָס איז ער
שולדיג? מסתמא איז זיין מזל אַזוי. למאַי מעקלעריי? פאַרהאַן
אַ סך מעקלערס דאָ אין שטאָדט, אויך אַזעלכע בריה'ס ווי ער,
פונדערסטוועגען וואוהין זיי געהען אריין מאַכען אַ געשעפט מאַכען
זיי, און ביי איהם איז געמאַכט און געמאַכט, און
צום סוף עס קומט צו עפּעס לאָזט זיך אויס אַז עס הויבט זיך
גאָר ניט אָן!... אָהן מזל, הערט איהר, זאָל מען גאָר=ניט
געבוירען ווערען אויף דער וועלט. אַליין וואָלט מען נאָך ווי עס
איז איבערגעטראָגען, איז אָבער פאַרהאַן אַ ווייב, קינדערלעך
וואָס זענען גאָט די נשמה שולדיג... אַ גליק, כ'לעבען, וואָס
יהושע העשיל איז אַ יוד און אַ פרומער ערהליכער יוד, וואָס
גלויבט אין גאָט, וואָס דינט גאָט, וואָס האָט ליעב גאָט, ממש
פערליעבט אין דער שכינה ווי אַ חתן וואָס האָט זיך פערליעבט
אין דער כלה, דעריבער דאַוונט ער אַזוי געשמאַק. קומט אין
שוהל אריין זעהן ווי יהושע העשיל דאַוונט איז, זאָג איך אייך,
נאָר אַ חיות, דאָס איז ניט קיין געוועהנליכער דאַוונען, ווי אַ
יוד אַ שטייגער שטעלט זיך אַוועק און מאָהלט ווי אַ מיהל, האָט
אין זינען בעת מעשה גאָר איך ווייס וואָס: אַ קונה אַ פריץ, אַ
גמילות חסד. ניין! יהושע העשיל אַז ער שטעלט זיך אַוועק
דאַוונען שטעלט ער זיך פאָר, אַז ער קומט מיט אַ ראַפּאָרט צום
רבונו של עולם, מיט אַ לויבעניש און מיט אַ געבעט אויף
פרנסה, מיט אַ קלאָגען זיך אויפ'ן גלות און מיט אַ חדוה וואָס
ער איז אַ יוד. אַ קלייניגקייט אַ יוד, אַ יוד האָט מקבל געווען
די תורה, ערשט היינט אין דעם דאָזיגען טאָג שבועות... שפּרינגט
ער אונטער, קנאַקט צו מיט די פינגער, מאַכט מיט די אויגען
און שרייט, שרייט מיט קולי קולות. די „אריסטאָקראַטען", די

נגירים פון מזרח וואַנט, וואָס דאַוונען מיט איהם אין איין שוהל, קענען איהם שוין מיט זיין דאַוונען און מיט זיינע משונה ווילדע העויות: „שאַט, שאַט, זאָגען זיי, דער גרייגער יהושע העשיל האָט זיך צעלאָזט!“ נאָר דער גרייגער יהושע העשיל הערט זיי ווי דעם פאַראַיאָהריגען שניי: „דערויף איז דאָס אַ מקום קדוש מען זאָל דאַוונען, ניט זיצען אויבען אָן אויסגעסטראָצעלט ווי די טאָקען, גלאַנצען מיט די גילדענע און זילבערנע עטרות פון די טליתים, קוקען אַריין בעת קריאת התורה כלומרשט אין די חומשים און שטילערהייט רעדט מען צווישען זיך דברים בטלים“... און דערזעהט יהושע העשיל אַז יורען רעדען בעת׳ן דאַוונען קאָן ער דאָס ניט סובל זיין, ווערט אין כעס, פאַטשט מיט די הענד איבער׳ן סדור: „אי—אָ—נו!“. אַ מאָדנער יוד אָט דער יהושע העשיל. אַזוי איז ער דאַכט זיך אַ נכנע, אַ נעבעכיל, אַ וואָרם וואָס לאָזט זיך טרעטען מיט די פיס, קומט אין שוהל — אוים נכנע, אוים נעבעכיל, אוים וואָרם, איין עזות פנים, זאָל גאָט היטען! דאָ, אין שוהל, איז ניטאָ ביי איהם קיין נגיד, קיין אריסטאָקראַט; ער איז זיי מבטל כעפרא דארעא, דען אין אַ מקום קדוש זענען אַלע יורען גלייך. אויך דאָס פנים ווערט דאָ ביי איהם גאָר איין אַנדער פנים: צי מחמת גרויס חדוה פון זיין געליעבטער (די שכינה), וואָס ער זעהט זיך מיט איהר אַלע שבת און יום טוב, ובפרט אַזאַ יום טוב ווי שבועות צו „אקדמות“, בעת „חיל אלף אלפין — צעהן טויזענדער, הונדערט־טויזענדער מלאכים כרובים און גלגלים קלויבען זיך צענויף פאַר׳ן אלמעכטיגען און טהוען זיך הויבען מיט אַ געזאַנג און מיט אַ גרויס שאַלונג ווי דאָס געשריי פון די געזאַמעלטע וואַסערען“... און יהושע העשיל הערט דאָס דאָזיגע געזאַנג מיט׳ן דאָזיגען שאַלען און ער העלפט דעם חזן זינגען און שאַלען מיט אַ גרויס שאַלונג; און ער איז איבערצייגט, אַז דאָרטען, וואו ער זיצט, אין איינעם מיט

אלע עהרליכע יודען וואס זענען געקניפּט מיט גאַטס קרוין, ווי סע שטעהט אין „אַקדמות" בפירוש געשריבען... און ער פיהלט ווי ער זיצט אונטער דער חופה מיט אַלע צדיקים דאָרט אין גן-עדן מיט גרוים תענוג בתכתקי דהב פיזא אויף גאָלדענע שטיהלען און געהט זיך דורך מיט זיי אויפ'ן שפּאַציר און חאַפּט אַ טענציל מיט דער שכינה... אַ כפּרה די גאַנצע וועלט מיט אַלע תענוגי עולם און אפילו מיט דער גוטער פרישער מילכיגער סעודה וואָס די נגידים וועלען היינט עסען נאָכ'ן דאַווענען! און יהושע העשיל חאַפּט אַ קוק מיט גדלות אויף די נגידים, די הולטייעס וואָס אין מזרח-וואַנט, און עס קומט איהם פאַר די אויגען איינער אַ גראָבער וואָס זיצט אויבען אָן אין מזרח, אַ יוד אַ נגיד מיט אַ געראַזירטער מאָרדע, מיט אַ שעהנעם ראָק און מיט אַ קוימען אויפ'ן קאָפּ. מארקוס רופט מען איהם, אַ נייער נגיד, פון די נייע אויפגעקומענע נגידים, וואָס שפּרינגען אראָפּ פון אַ דאַך, ווי איינער רעדט: „גוט-מאָרגען, איך בין אויך דאָ"!.. די דאָזיגע נייע אויפגעקומענע נגידים שפּרינגען איטליכען אין פּנים אַריין, וואַרפען זיך, זשומען און שושקען און עסען זיך איין ווי די פליגען, זיי צוואָגען זיך אויס, פוצען זיך אויס, טהוען זיך אָן מיט די ווייבער נאָך דער לעצטער מאָדע, לאָזען זיך קאָסטען געלט און קריכען אַהין, אהין, צווישען די „אַריסטאָקראַטען", שטעלען אַרוים דאָס בייכעל, בלאָזען זיך. אינ'ם גרויסען אָרט קויפט דאָס אַ פּאַיעטאָן מיט ברע-נענדיגע פערד און קנאַקט איבער אַלע גאַסען מען זאָל זעהן; אין טעאַטער געהט דאָס אין דער ערשטער שורה, האלט אויס קעפּס ווייבער, שפּילט אין פּרעפערענס, בויט הייזער, קרינגט און טראַס-קעט אין פּייפּס מיט סכנות נפשות. אינ'ם קליינעם אָרט קויפט דאָס אַ שטאָדט אין מזרח, דעם ווייב גרויסע פּעריל, יאָגט זיך נאָך שע-נע שרוכים, וויל זיך איינקויפען אין יחוס, זינדיגט בסוד קיינער זאָל ניט וויסען, שפּילט אין אָקע און שענקט אַ מאָל אַ גרויס;

נדבה מען זאָל פון איהם ריעדען.

אָט פון דעם מין נייע אויפגעקומענע נגידים איז מאַרקוס.

פון וואַנען האָט זיך גענומען א העך דער דאָזיגער מאַרקוס? — ווייסט קיינער ניט. דאָס הייסט ווייסען ווייסט מען איהם, נאָר אז ער הייסט מאַרקוס — דאָס איז מען ערשט נישט לאַנג געוואָהר געוואָרען. ביז ניט לאַנג האָט מען איהם גערופען: „דער יוד פונ׳ם הארץ״, אָדער „דער הילצערנער״. ער האָט זיך געדרעהט אַרום אינטענדאנטסטוואָ, קאַזאַרמעס, אָפּיצערען, צוגעשטעלט האָלץ און עפּעס נאָך... איצט האָט ער אַוועקגעוואָרפען די אינטענדאַנט־סטוואָ, מיט די קאַזאַרמעס, מיט די אָפיצערען, איז געוואָרען א באַנקיר, אויף אונזער לשון הייסט דאָס פּשוט א בעל הלואה, אַ פּראָצענטניק, א יוד וואָס לעבט פון פּראָצענט, האָט ליעב א וועקסעלע, בטבע אפילו אַ גרויסער עם הארץ, א ווילדער גראָבער יונג, נאָר ער עדעלט זיך, פּיינט זיך אוים ווי ווייט מעגליך, רייבט זיך צווישען לייטען, וויל זעהר איינרעדען די וועלט, אַז ער איז א טאַ־פּ׳ענס א קינד, דערצעהלט מעשיות, אַז דאָרטען ערגעץ ביי זיך אין דערהיים האָט ער קרובים, גרויסע מיוחסים, לומדים, מופלגים, חאָטש אלע ווייסען (און ער אויך) אַז ס׳איז שקר וכזב, ער האָט נישט אין ערגעץ, נישט קיין קרובים, נישט קיין מיוחסים, נישט קיין לומדים, נישט קיין מופלגים. מען קאָן דאָס אַרויסזעהן נאָכ׳ן רויטען פּנים, חאָטש ס׳איז איצטער פּיינטשיג אַרומגעשאָרען. און נאָך די גראָבע קאָרענע הענד מיט די לעפּקע פינגער (איין פינגער איז ביי איהם אן אָפּגעהאַקטער, דאָס אויף דעם ערצעהלט מען א גאַנצע מעשה, נאָר מיר לאָזען עס דורך...)

אויך דאָס ווייב זיינס, די איצטיגע מאַדאַם מאַרקוס, א נידע־ריגע, א שוואַרצע, א גראָבע מיט גראָבע שטאַרק פערגרעבטע הענד, וואָס אלע געדענקען נאָך, אַז זי איז אַ מאָל געווען ניט אויסגע־רעדט זאָל זיין א דיענסט־מיידעל, לעגט איין די וועלט, פּויקט אין

אין אַלע גאַסען, אַז זי שטאַמט פון זעהר אַ רייכע משפחה, פון גרויסע לייט, גבירים, אַדירים, חאָטש אלע ווייסען (און זי אויך) אַז ס'איז שקר וכזב, זי האָט נישט אין ערגעץ ניט קיין משפחה, ניט קיין גרויסע לייט, ניט קיין גבירים אדירים, מען קאָן דאָס אַרויסזעהן פון איהר אויפפיהרען זיך אין מאַרק ביי די ווייבער, אין קיך ביי די דינסטען, און בעת זי רעכענט זיך מיט'ן קצב פאַר פלייש. זי האָט פיינט זאָגט זי, „אַזעלכע" חשבונות. זי וועט ניט דערלאָזען, זאָגט זי, מען זאל איהר צורעכענען אַ לויט פלייש, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט ביז זי רייסט אָפּ ביי איהם עטליכע פונט — און פונדעסטוועגען אי—אָי—אָי האָט מען פאַר זיי דרך-ארץ און מען גיט זיי אָפּ כבוד! דען ווען מען טהוט זיך עס גויטיג אַרויסשפּרינגען פון די הויט כדי צו קענען אַ נגיד, זיין אַ שייגעץ? ובפרט אַן אָרעמאַן, ובפרט אַ מעקלער, ובפרט אַזאַ מעקלער ווי יהושע העשיל, וואָס געהט צו איהם אָפטליך אַריין, נישט מחמת גרוים ליעבשאַפט, נאָר טאַקע צוליעב דעם וואָס די נויט טרייבט איהם. ער מיינט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, טאָמער וועט ער מאַכען ביי איהם אַ מאָל אַ שטיקעל געשעפט. אמת, ניט אַזוי גרינג מאַכט מען ביי מאַרקוסען אַ געשעפט. מאַרקוס איז אַ שווערער פאַרשוין, אַ האַרטער ביסען! דאָס הייסט אַזוי איז ער אפילו נישקשה פון אַ מענשיל; אַז מען קומט אַריין צו איהם בעט ער זיצען, איז מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס, נאָר געבען פערדיענען יענעם אַ קערבעל דאָס לא. שווער, שווער בקריעת ים סוף! זינט מאַרקוס איז אַ נגיד, און יהושע העשיל איין אָרעמאַן האָט ער נאָך כמעט נישט נעפּרובט פערדיענען דורך איהם אַ קערבעל. אַ שווערער נגיד, אַ האַרטער, אוי אַ האַרטער ביסען!

און יהושע העשיל, זינגענדיג אינאיינעם מיט'ן חזן און מיט'ן איבעריגען עולם דעם אַקדמות, חאַפּט אַ קוק אויף מאַרקוסען מיט דער אונטערגעשאָרענער שוואַרצע מאָרדע, מיט'ן געפּאַקטען בייכעל

און מיט׳ן הוֹיכען שווארצען קוֹימען אויפ׳ן קאָפּ און טראכט זיך „דאָ ביזטו טאַקי בּײַ זיך גרוֹיס, אָנגעבּלאָזען... דערפאר אָבער דאָרטען! דאָרטען! מנת דיקן אונזער גאָב וואָס גאָט האָט אָבגעשײדט פאר אונז נאָך פון ווײַס איך ווען אָן... אמת די גוטע געשמאקע מילכיגע סעוּדה הײַנט—וועט טאַקי עסען מארקוס, און מיט דער גוטער פרישער געשמאקער קאווע מיט פוטערגעבעקס, וועט טאַקי פערטרינקען מארקוס און איך וועל געפינען הלואי א גלעזעל ציקאָריע חאָטש מיט אײן אײערקיכעל ס׳זאָל זײַן פאר די קינדער געבּאָך; פון פיש מילכיגע געפרעגעלט אין פוטער רעדט זיך שוין ניט, און בּלינצעס מיט קרעפּלעך מיט לאָקשען מיט מילך דאָס האָט מארקוס, ניט איך... דערפאר אָבער דער לויתן מיט׳ן שור הבר דאָרטען! דאָרטען!... טלולא דלויתן די פרײַד פון לויתן און דער ווילדער אָקס דער שור הבר בעת זײַ וועלען האלטען מלחמה פאר די צדיקים אין די אויגען, בּכדי זײַ, די צדיקים, זאָלען קוקען און קלויבּען תענוג, ווי דער שור הבר וועט דעם לויתן שטויסען מיט די הערנער און דער לויתן וועט צאפּלען אקעגען איהם מיט די פליספעדערען, דעמאָלט וועט צונעהן הקדוש ברוך הוא אלײן בכבודו ובעצמו מיט זײַן גרויסען שווערד און וועט זיך מטריח זײַן אָנגרײטען א שענע גרויסארטיגע סעודה פאר זײַנע ליעבּע טהײערע געכט, וואָס האָבּען זיך עוסק געווען אין זײַן תורה, איהם געדענט תפילין און געלײענט קריאת שמע״...

אזוי זינגט יהושע העשיל, זינגט, שרײַט גלײַך מיט׳ן חזן, וויל א פנים פערזינגען דעם יצר הרע, פערשרײַען דעם הונגער, עס חלש׳ט איהם רעכט דאָס הארץ נאָך פון נעכטען, געווען אויף א גאנצע נאכט איבּער׳ן תקון-שבועית און גאנץ פריה אוועק אין וואסער און פון דאָרט גלײַך אין שוהל אריין פריהער פון דער גאנצער וועלט, אויסגעהערט פון א פאָר מענשען חכמים אַ שפּאס. „וואָס איז די מעשה, ר׳ יהושע העשיל, וואָס איהר האָט זיך

היינט אַזוי געפּעדערט? אַ פּנים צוליעב דער מילכיגער סעודה"?...
נאָר וואָס הערט ער זיי? יהושע העשיל איז שוין געוואוינט געווארען צו אַזעלכע זאַכען. אַלע, ווער ס'האָט גאָט אין האַרצען, האָבען ליעב זיך מאַכען אַ שפּאַס מיט יהושע העשלען, און מעהר פון אַלעמען טאַקי אַלץ דער אייגענער מאַרקוס. אַלע מאָל ווען ער קומט צו מאַרקוסען, טהוט אים מאַרקוס אַ פרעגע, אויף אַ קאַטאָוועס געוועהנליך, אַט אַזוי אַ שמייגער:

— נו? ווי איז אייך געגאַנגען דער שבת?

אָדער:

— ווי אַזוי איז אייך געגאַנגען פּסח צו די סדרים?

אָדער:

— ווי אַזוי איז אייך אָפּגעלאָפען דער סוכות אין סוכה?

אָדער:

— האָט איהר געהאַט פּורים אַ פרעהליכע סעודה?

אויף אַזעלכע זאַכען ענטפערט יהושע העשיל געוועהנליך גאָר נישט; ער ווייסט אַז ס'איז גלאַט אַזוי, אַ שפּאַס. דעם נגיד איז גוט אויפ'ן האַרצען, טרייבט ער קאַטאָוועס. ענטפערט דער־רויף יהושע העשיל נאָר מיט אַ שמייכעלע: חע־חע. געפּעלט דאָס מאַרקוסען, איז איהם מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס, רוקט איהם אונטער אַ גלעזיל טיי:

— טרינקט רב יהושע העשיל, נעהמט צוקער, אַט שטעהט.

— אַ דאַנק — זאָגט יהושע העשיל און עס געהט איהם ניט איין דאָס גלעזיל טיי; ער דערמאָהנט זיך, פערשטעהט איהר, אַז דאָרט, אין דערהיים ביי איהם, איז פאַרהאַן בעלנים אויף טיי קיין עין הרע גענוג, בעלנים וואָס וואָלטען זיך מחיה געווען,

ממש דערקוויקט מיט אַ גלעזעל וואַרעמס — איז ניטאָ. פאַרהאַן
יוקא אַ סאַמאָוואַר, נאָר קיין טיי און צוקער איז ניטאָ, און פון
וואַנען זאָל זיין? פון דעם וואָס מאַ־קום האַלט איהם אָפּ דריי וויי־גער
טעה, וויל מען זאָל איהם דערצעהלען נייעס „וואָס הערט זיך
עפּים אין שטעדטיל?” צי פון דעם וואָס דאָס ווייב מיט די על־
טערע מיידלעך פערדיענען קוים אָנדערהאַלבען גילדען אַ טאָג פאַר
צוויי לייבעלעך? זיי האָבען זיך אויסגעלערענט נעהען לייבעלעך,
זיצען זיי און אַרבייטען גאַנצע טעג, נעהען זיך אָפּ די פינגער און
נעהמען אָנדערהאַלבען גילדען פאַר אַ פּאָר לייבעלעך. גוט איז נאָך
אַז ס'איז דאָ לייבעלעך! וואָס טהוט מען אַז ס'איז קיין לייבעלעך
אויך ניטאָ? הונגערט מען; דאָס הייסט מען לעגט זיך שלאָפען מיט
אַ לעדיגען, ניכטערן מאָגען; און אַז גאָט העלפט איז מאָרגען
אויך אַ טאָג און מען קען מאָרגען ווידער הונגערען, און, זייט זי־
כער, קיין בן אדם, קיין פויגעל וועט דערפון נישט וויסען. יהושע
העשיל איז ניט אַזאַ מענש וואָס זאָל ערצעהלען התנצלות, זיך
קלאָגען, און ווער שמועסט בעטען? ער זאָל וויסען חלילה שטאַר־
בען! שטאַרבען!... בקצור יהושע העשיל איז פון די אָרעמע לייט
וואָס געהען זיך איים שטילערהייד, שאַ, אָהן גיוואַלדעניש, אָהן גע־
פילדערייז; עס קרעהט ניט אויף זיי, ווי מען זאָגט קיין האָהן אַפילו...
פאַרהאַן, פאַרהאַן ביי אונז, צווישען די קינדער ישראל, אַ סך אַזעל־
כע יהושע העשילס,— אידר מעגט מיר גלויבען אויף מיינע היילינגע
נאמנות, איך קען זיי, איך בין מיט זיי גוט בעקענט... אַ גליק,
כ'רעבען, וואָס יהושע העשיל איז אַ יוד און אַ פרומער עהרליכער
יוד, וואָס גלויבט אין גאָט, וואָס דיענט גאָט, וואָס האָט ליעב גאָט,
ממש פערברענט, פערליעבט אין דער שכינה ווי אַ התן וואָס האָט
זיך פערליעבט אין דער כלה. רעדיבער זינגט אַזוי געשמאַק יהושע
העשיל גלייך מיט'ן חזן און האָט בעצייטענס הנאה פון די גוטע
זאַכען וואָס שטעהען דאָרטען אָנגעגרייט פון די אָרעמע

זײַטם װעגען: „נגידין קמיהון — עס װעלען זיך ציִהען דאָרטען פֿאַר זײַ גאַנצע טײַכען פֿון באַלזאַם־אײל, ומתפנקין און זײַ װעלען זיך אָנזעפּטיִגען און אָנזעטיִגען מיט אַלע גוטע זאַכען אין מיִט יע־נעם גוטען אַלטען זיִסען װײַן, װאָס שטעהט דאָרטען אָנגעבראַכט פֿון זײַערטװעגען אין קעלער נאָך מששת ימי בראשיִת״...

אָט אַזעלכע מיִנים ליִדער זינגט זיך יהושע העשיִל שבועות מיִט נאָך אַ סך יודען, אַזעלכע שלים מזל׳ן װיִ ער, הויבט אויף בײדע הענד אַרויף, מאַכט צו די אויגען, שאָקעלט זיִך מיט׳ן גאַנצען גוף, שפּריִנגט אונטער מיט אַ טענציִל, און טראָגט זיך אַריִבער מיִט לײַב און לעבען אַהיִן, אַהיִן, איִן אַן אַנדער װעלט פֿון גאַלע לויטערקײַט, פֿון גאַלע גוטסקײַט, פֿון גאַרע עביִגקײַט, אַ װעלט װאו ס׳איִז ניִשטאָ קײַן קבצנים, קײַן נגידים, קײַן אויפגע־קומענע קלײַנע מענשעלעך מיִט װײַסע מאַניִשקעס און אונטער זײַ אײַזערנע שטײַנערנע הערצער, קײַן גאַרישע גראָבע תאוות, קײַן צרות, קײַן דחקות, קײַן דאגות פּרנסה, קײַן מעקלערס, קײַן טרכניִם, קײַן צער גדול בניִם, קײַן קנאה, קײַן שנאה... און ער װאַרפט אַראָב פֿון זיִך דעם גאַנצען לבוש פֿון דער װעלט, און ער טהוט זיך אויס פֿון דער היִגער װעלט, װיל פֿערגעסען, פֿערגעסען, ניִט הערען ניִט זעהן װאָס אַרום איִהם טהוט זיך, בע־העפּט זיִך אַציִנד מיט זײַן געליִעבטער, מיט דער שכינה. ניִשט זײַן עסק װאָס דאָ אַקעגען איִהם שטעהען זאַטע צופֿריִדענע מענש־לעך מיט פֿעטע אויסגעפּאַשעטע בײַכלעך; ניִט זײַן עסק װאָס דאָ קוקט אַרײַן די זון מיִט אײַן שטראַהל דורכ׳ן אָפֿענעם פֿענסטער פֿונ׳ם בית המדרש, און דאָס אײַנציִגע אַקאַציִע־בוימעל אויף דער שוהל גאַס, װאָס האַלט איִן רעכטען בליִהען, שיִקט אַרײַן אַ גע־שמאַקען זיִסען ריח גלײַך צו די יודען אין נאָז אַרײַן, װיִ אײַנער רעדט: „שמעקט, יודיִשע קיִנדער, איהר אויך פֿון מײַנע בשמים און האָט אויך הנאה פֿון גאָטס װעלט...״

שאַט נאָר שאַט! אין דער מינוט זאָלט איהר מיר נישט אָנריהרען מײַן יהושע העשעלען. איהר זאָלט איהם נישט זאַטשעפּען; איהר זעהט דאָך: אַז ער איז ניט בהאי עלמא, אַז ער איז הײַנט נישט קײַן הײַגער, ער איז גאָרנישטאָ; ער איז גאָר דאָרטען, ווײַט ווײַט פון דאַנען, ערגעץ בײַ זײַן געליעבטער, בײַ דער שכינה...

נישטאָ יהושע העשעל, נישטאָ איהם הײַנט

# פערלאג „ליטעראטור“

I.

עס גרייט זיך צום דרוק א
פאלשטענדיגע אויסגאבע פון

## יהודה שטיינבערג

ארגינעלע איבערזעצונ-
גען פון זיינע בעסטע
העברעאישע ווערק.

II.

אויך גרייט זיך צום דרוק

ערצעהלונגען פאר קינדער און פאר
דער יוגענד.

אדרעסע:
Книгоиздательство „ЛИТЕРАТУРА“
**ОДЕССА,** Почт. ящикъ № 628.